# עונג שבת

## פרשת ואתחנן תשע"א

**גוט שבת אלע אידן.** דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אסאך מצות וואס דער ציל דערפון איז אנצוקומען צו הכרת הטוב פארן אייבערשטען. איינע פון די מצות איז די מצוה פון " כיבוד אב ואם." חז"ל זאגן אונז אז דער אייבערשטער האט צוגעגליכן כבוד שמים צו כיבוד אב ואם, אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת קידושין: "נאמר: כבד את אביך ואת אמך (שמות כ), ונאמר: כבד את ה' מהונך (משלי ג), השוה הכתוב כבוד אב ואם לכבוד המקום" (דף ל:)

דער ספר החינוך שרייבט אז ווען איינער שטרענגט זיך אן מקיים צו זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם וועט ער אנקומען צו אנערקענען די טובות וואס דער אייבערשטער טוהט מיט אונז, און אז דאס איז די סיבה פון זיין לעבן און דאס לעבן פון אלע דורות ביז אדם הראשון. איז לאמיר רעדן אביסל די וואך פון די גרויסקייט פון די מצוה פון כיבוד אב ואם. (מצוה לג)

דער אייבערשטער האט אונז צוגעזאגט אז איינער וואס איז מכבד זיינע עלטערן איז פארזיכערט אז ער וועט האבן אריכת ימים. אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק "...כבד את אביך ואת אמך כאשר צוך ד' אלקיך למען יאריכון ימיך וכו" דאס שטימט מיט וואס מיר האבן פריער גערעדט, אז דער יסוד פון די מצוה איז כדי אנצוקומען צו הכרת הטוב פאר'ן אייבערשטען. ווייל ווען איינער איז מכיר טוב פאר'ן אייבערשטען וועט דער אייבערשטער זעהן אז דער מענטש איז כדאי צו לעבן אויף די וועלט. דאס איז אויך מרומז אין די גמטריה פון "כיבוד ד'" (שם הויה ב"ה) וואס באטרעפט 68 "סח", פונקט וויפיל עס באטרעפט דאס ווארט "חיים." די פאלגענדע מעשה ווייזט ווי דער אייבערשטער פירט זיין חשבון מיט איינער וואס האט מכבד געווען זיין טאטע.

"ראבערט" זילבערמאן איז אויפגעוואקסן א פרייער איד אין אמעריקע אין די תש"כ יארן אין ניו יארק. אלץ יונגעל האט ראבערט געלערנט אין א פאבליק סקול. אבער דריי מאל א וואך אין די נאכמיטאג שעה'ן פלעגט ער לערנען א ביסל אידישקייט אין א "היברו סקול." אבער די אידישקייט וואס ער האט געלערנט דארט אין יענעם "היברו סקול" איז ווי פארשטייט זיך נישט געווען קיין אמת'דיגע אידישקייט ווייל די טיטשערס אליינס זענען אויך געווען פרייע אידן מחללי שבתות און אוכלי נבילות וטריפות. פון נאך זיין בר מצוה, איז ער קיינמאל נישט אריינגעטרעטן אין א שול. יארן שפעטער ווען ראבערט'ס זיידע איז נפטר געווארן, איז ראבערט ערשטוינט געווארן צו זעהן אז זיין טאטע האט אנגעהויבן צו זאגן קדיש נאכן זיידען. ראבערט'ס טאטע איז קיינמאל נישט געווען קיין פרומער מענטש. איז ראבערט צוגעגאנגען און געפרעגט זיין טאטען וואס איז געשעהן אז ער איז פלוצלינג אזוי פרום געווארן. האט איהם זיין טאטע געענפערט: "איך זאג קדיש פאר מיין טאטע ווייל איך ווייס אז זיין נשמה וועט נישט האבן קיין מנוחה אין עולם האמת טאמער וועל איך נישט זאגן קיין קדיש נאך איהם יעדען טאג." ראבערט האט אבער געהאלטן אז זיין טאטע וועט גאנץ שנעל פארגעסן פון דעם גאנצע עסק פון זאגן קדיש, ווייל בעצם איז זיין טאטע געווען אינגאנצן פריי. אבער, ער האט א גרויסען טעות געהאט, ווייל זיין טאטע האט נישט פארפעלט איין קדיש פאר זיין טאטע אין די 11 חדשים. א פאר מאל איז ראבערט אפילו מיטגעגאנגען מיט זיין טאטע'ן אין שול.

שפעטער מיט די צייט איז ראבערט געגאנגען לערנען א פאך. יארן שפעטער, האט איינער אנגערופן ראבערט מיט א נישט גוטע בשורה: ראבערט'ס טאטע האט ל"ע געהאט א הארץ אטאקע און ער ליגט אין שפיטאל אין א שווערן מצב. פארשטייט זיך אז ראבערט איז געלאפן אין שפיטאל כדי ארויס צו העלפן זיין טאטע אינעם שווערן מצב.

"ראבערט," האט זיין טאטע אנגעהויבן צו זאגן שטילערהייט, "א דאנק ג-ט אז דו ביסט דא..." ער איז געווען אפילו צו שוואך צו רעדן, אבער ער האט זיך אנגעשטרענגט און איהם געזאגט. "מיין זוהן, זאג מיך צו איין זאך, דו ביסט מיין איינציגער זוהן. אויב לעב איך נישט איבער דעם אטאקע וועסטו זאגן קדיש נאך מיר." שטיקענדיג זיך אויף זיינע טרערן האט ראבערט געענטפערט פאר זיין טאטע: "איך האף אז עס וועט נישט אנגעקומען צו אזא מצב און די וועסט נאך לעבן געזונטערהייט אסאך יארן. אבער, איך זאג דיך צו."

ל"ע, א פאר טעג שפעטער איז ראבערט מחויב געווארן צו זאגן קדיש פאר זיין טאטע'ן. די איינציגסטע שול אין זיין געגענט איז געווען א עכטע ארטאדאקסישע שוהל מיט'ן נאמען "אהבת תורה." וויבאלד ראבערט איז אבער געווען אינגאנצן פריי איז איהם שווער אויסגעקומען דאס קדיש זאגן. ווייל ער איז נישט געווען צוגעוואוינט צו דאווענען. ער האט פשוט נישט געוואוסט ווען מ'דארף זאגן קדיש ביים דאווענען. עס איז געווען נאך שווערער פאר ראבערט דאס אז מען דארף דאווענען מיט א מנין יעדען טאג. ווייל א פרייער איד איז געוועינטליך נישט גרייט אויפצוגעבן זיינע ביזנעס פאר אידישקייט. אבער פאר זיין טאטע'ס כבוד איז ראבערט גרייט געווען אויפצוגעבן אלעס. דער רב אין יענעם שול האט געהייסן ר' דשעקאבס, און ער האט איהם גלייך מקרב געווען און ער האט איהם געהאלפן זאגן קדיש אזוי ווי עס דארף צו זיין. צוליב ר' דשעקאבס ווארעמקייט און די זכות פון זאגן קדיש פאר זיין טאטע, האט ראבערט צוביסלעך זיך דערנענטערט צו אידישקייט, למשל, שבת, כשרות און תפילין, אבער ער איז נאך אלץ נישט אינגאנצן פרום געווארן. אבער דער הייליגער באשעפער האט געהאט אנדערע פלענער פאר ראבערט, ווייל א שטיק צייט נאך דעם וואס ער האט געענדיגט זאגן קדיש, האט ער באקומען א בריוו אין פאסט פון די אמעריקאנער מיליטער.

אין די יארן צווישען בערך תשכ"ה און תשל"ה האט אמעריקע מלחמה געהאלטן מיט די קומאניסטן אין "וויעטנאם" א קליינע מדינה לעבן טשיינע. ליידער האט דער אמעריקאנער רעגירונג דעמאלטס אריין גענומען אסאך אידן אין מיליטער. איינער פון די אומגליקליכע אידן איז געווען אונזער ראבערט.

ראבערט איז געגאנגען זיך געזעגענען מיט ר' דשעקאבס. ראבערט האט געוואוסט אז עס וועט איהם זיין זייער שווער צו האלטן דאס ביסל אידישקייט אין מיליטער. אבער ער האט זיך מיישב געווען אז ער וויל כאטש היטן איין מצוה "ייהרג ולא יעבור" לעילוי נשמת זיין טאטע. ער האט געפרעגט דעם ר' דשעקאבס וועלכע מצוה ער זאל זיך מקבל זיין. ר' דשעקאבס האט געטראכט א פאר סעקונדעס און ער האט איהם געענפערט: "נטילת ידים פארן עסן ברויט... אפילו דו מאכסט נישט קיין ברכה אויף די ברויט און אפילו די ברויט איז נישט כשר, דו זאלסט זיך אייביג וואשן די הענט פאר דו עסט ברויט." ראבערט האט גלייך מסכים געווען און ער האט אויף זיך מקבל געווען די מצוה פון נטילת ידים. באלד דערנאך איז ראבערט טאקע אריינגעגאנגען אין מיליטער.

ביים אנהייב, אין די אפטיילונג וואו ראבערט האט זיך געלערנט וויאזוי צו זיין א סאלדאט, איז איהם געווען גאנץ גרינג מקפיד צו זיין אויף די מצוה פון נטילת ידים, ווייל אפילו די גוים, להבדיל בין טומאה לטהרה, וואשן זיך די הענט פאר'ן עסן. אבער ווען ראבערט איז געשיקט געווארן אין די מלחמה אריין, איז דער נסיון אסאך גרעסער געווארן, בפרט אין די וועלדער פון "וויעטנאם."

איין טאג איז ראבערט און די אנדערע סאלדאטן ארויסגעגאנגען אויף פאטראל טיף אריין אינעם וואלד. פלוצלינג, האבן די קומאניסטן אטאקירט ראבערט און זיינע חברים. נאך שעות פון שיסן אהין און צוריק, איז אביסל שטיל געווארן. און די סאלדאטן מיט ראבערט זענען מורא'דיג הונגעריג געווען נאך אזא שיסעריי, יעדער איינער האט זיך ארויסגענומען דאס עסן און האבן אנגעהויבן צו עסן. ראבערט האט געוואלט עסן זיין ברויט, אבער ער האט נישט געהאט קיין וואסער זיך צו וואשן די הענט. די נענסטע וואסער איז געווען א טייך בערך 800 פיס אוועק. דער וואלד איז אבער געווען א געפערליכע פלאץ, עס איז נישט געווען א פלאץ זיך סתם אזוי ארום צודרייען. ראבערט האט שוין געוואלט אויפגעבן טראכטענדיג אז אין דעם פאל דארף ער שוין נישט גיין זוכן וואסער, צוליב די גרויסע סכנה.

אבער, ראבערט האט זיך צוריקגעהאלטן פאר א רגע ווייל בעצם איז ער געווען א ווארטס מענטש. און אחוץ דעם איז די מצוה פון "נטילת ידים" געווען פאר אן עליה פאר זיין טאטע'ס נשמה. האט ער זיך מיישב געווען אז ער גייט צום טייך און דארט וועט ער זיך אפגיסען די הענט פאר ער גייט עסן זיין ברויט. ער איז שנעל און שטיל געלאפן צו דעם טייך. ער איז געקראכן אזוי ווי א שלאנג אויף די ערד פונעם וואלד כדי קיינער פון די קומאניסטן זאל איהם נישט באמערקן. ער איז שנעל אנגעקומען צו דעם טייך און ער האט זיך אפגעגאסן אזוי ווי ר' דשעקאבס האט איהם אויסגעלערנט אינדערהיים, אין ניו יארק. באלד נאכן זיך ענדיגן וואשן די הענט, האט ער געהערט שיסן. די קומאניסטן האבן אנגעהויבן צו אטאקירן די אמעריקאנער סאלדאטן. עס איז געווען צו א גרויסע סכנה צו גיין העלפן זיינע חברים. דערפאר, איז ראבערט געבליבן ליגן א גוטע פאר שעה לעבן דעם וואסער בשעת די קומאניסטן האבן אטאקירט. ווען דאס שיסעריי האט אויפגעהערט, איז ער צוריקגעגאנגען צו דעם פלאץ ווי די סאלדאטן זענען פריער געווען. ליידער האט ראבערט שוין נישט געטראפן קיין לעבעדיגע סאלדאט, ווייל זיי זענען אלע אויסגעהרגעט געווארן! ראבערט איז ניצול געווארן אין די זכות פון כיבוד אב, ווייל ער האט אויף זיך מקבל געווען די מצוה פון נטילת ידים לזכר נשמת זיין טאטע.

פון דעם מעשה קען מען ארויסלערנען דעם כח פון די מצוה פון כיבוד אב ואם, אזוי ווי דער אייבערשטער האט אונז מבטיח געווען: "...כבד את אביך ואת אמך כאשר צוך ד' אלקיך למען יאריכן ימיך וכו" טאמער מען איז מכיר טוב פאר א טאטע וואס געבט אונז אונזערע גשמיותדיגע געברויכן, וועט מען זיכער אנקומען מכיר טוב צו זיין פאר דער וואס געבט אונז אונזער נשמה, ד"ה דער ריבונו של עולם . **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לאבי מורי הרב טוביה שליט"א לרגל שמחת לידת הנכדה בת לבנו\אחי אברהם דוד שליט"א**

**נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל**

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)